בעזרת השם יתברך

פרשת תרומה
שבת זכור
ח' אדר שנת תשפ"א
לפ"ק

שנה 2, גליון 15
(30)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה ז, מִזְּבוּב וְעַכָּבִישׁ.

הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן דֶערְצֵיילְן:

**אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין נְסִיעָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיהַאט.**

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גִיהַאט כַּמָּה מִלְחָמוֹת שְׁוֶוערֶע אוּן הָאט זֵיי כּוֹבֵשׁ גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אַיין גִינוּמֶען) אוּן הָאט גִינוּמֶען אַסַאךְ שְׁבוּיִים. (אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר דֶערְצֵיילִין וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין).**

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה: **"אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר דֶערְצֵיילִין וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין"**; דָא הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַנְטְפְּלֶעקְט אַז אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען בַּאהַאלְטְן טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. אַוַודַאי דַארְפְן מִיר לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאךְ דַארְפְן מִיר אָבֶער גֶעדֶענְקְן אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט.

אוּן דָאס אִיז אַ יְסוֹד וָואס מִיר דַארְפְן וִויסְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; מִיר פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפֶע סוֹדוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. אַ אִיד לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אָדֶער גְמָרָא מֵיינְט עֶר שׁוֹין אַז עֶר הָאט שׁוֹין מַשִּׂיג גֶעוֶוען אַלֶעס וָואס לִיגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז עָמֹק עָמֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ (קֹהֶלֶת ז, כד), יֶעדֶעס וָוארְט אוּן יֶעדֶע אוֹת אִיז לוֹיטֶער סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין.

### קֻשְׁיוֹת

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִיבֶּער אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, דַארְפְן מִיר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין זֵייעֶר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע צַייט, מִיר הָאבְּן יֶעצְט דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשִׁ"י שְׁמוֹת יז, ח), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קִינְד אוֹיפְ'ן פְּלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג זֶעט דָאס קִינְד וִוי אֵיינֶער פַארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!" וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דִי גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, וַיָּבֹא עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן מִיט אוּנְז אַז אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן קוּמְט פוּן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי סָפֵ"ק, דֶער

<<<

קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין - קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ". וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען ווען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי ווי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס פַארְשְׁטַאנְד. אָבֶּער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

אַ מֶענְטְשׁ דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט אַזוֹיפִיל קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה?' 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער?' וְכוּ' וְכוּ' - דָאס אַלֶעס קוּמְט ווען דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, עֶר מֵיינְט אַז מֶען קֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת זֶענֶען דָאס שֵׁיינְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווען מֶען וָואלְט ווען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אוּנְזֶער שֵׂכֶל אִיז אַזוֹי ווי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס פַארְשְׁטַאנְד, דֶערְפַאר אִיז וואוֹיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט.

אוּן דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק; אַ צַדִּיק לֶעבְּט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶס זָאל נָאר פַּאסִירְן מִיט אִים הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ שָׁאד צוּ זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַארְף מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן דָאס קֶען מֶען סַיי ווי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ז.): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת לג, יג): "הוֹדִעֵנִי נָא אֶת דְּרָכֶךָ וְאֵדָעֲךָ", וַוייז מִיר דַיינֶע וֶועגְן אִיךְ זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פַאר אֵיינֶעם גֵייט גוּט אִין לֶעבְּן אוּן דֶעם אַנְדֶערְן גֵייט שְׁלֶעכְט, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט (שָׁם פָּסוּק יט): "וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי אֶת אֲשֶׁר אֲרַחֵם", אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף וועם אִיךְ וויל רַחֲמָנוּת הָאבְּן; מַיינֶע וֶועגְן, ווי אַזוֹי אִיךְ פִיר דִי וֶועלְט - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

## תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פְלֶעגְט זֵיי דֶערְצֵיילְן צוּ וָואס עֶר הָאט אָלֶץ זוֹכֶה גֶעוֶוען; דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט הֶערְן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, וֶועלְן אַלֶע פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן. [עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן 'הַיִתָּכֵן דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת', אָבֶּער בֶּאֱמֶת דָאס צוּ פְרֶעגְן דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ, ווער עֶס לֶערְנְט גְמָרָא זֶעט ווי אַלֶע צַדִּיקִים, אַלֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, כְּדֵי אַנְדֶערֶע זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן זֵיי].

ווען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיר זֶענְט צוּ גֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וַוייל אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן נָאךְ צַדִּיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת", שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): "יֶעדֶעס מָאל ווען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע

עִיקָּר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'ווֶעל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נָאךְ הָאבְּן?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילּוֹת אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת, שָׁם): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וֶועלְן מִיר רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם מְחִיאַת עֲמָלֵק; אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז אוּן עֶר הֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם'; בִּפְרַט ווען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל אוּן וָואס פַאר אַ רַעַשׁ עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן. אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מְקַטְרְגִים וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם.

ווער הָאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק?

דִי צַדִּיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט אִים; זֵיי דֶערְמַאנֶען אוּנְז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען עֶס אַז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק, ווען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִינֶעם רִיכְטוּנְג פוּן הִימְל הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ח): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה?" צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן דִי מִלְחָמָה, "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אוּן גֶעווִיזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק"; עֲמָלֵק וויל אוּנְז שְׁוַואךְ מַאכְן, עֶר כַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זָאגְט זֵיי: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ!" קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן ווַייזְט אוֹיף אַרוֹיף, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט: "קוּק נִישְׁט וָואס עֲמָלֵק זָאגְט, הֶער נִישְׁט צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ קוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תש"פ לִפְרַט קָטָן)

מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אָדֶער מִצַּד יִחוּס, פְּלֶעגְט דֶער רֶבִּי זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין, אוּן גֶעזָאגְט: 'אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, נִישְׁט וַוייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט וַוייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זַייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם'.

ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת? - זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק): עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים אַז זֵיי אַלֶע זָענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וָוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט זָענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדֶע נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווי מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין נַ"ךְ (שׁוֹפְטִים יא) דִי מַעֲשֶׂה פוּן יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי, [אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי שִׁיעוּר פוּן צְוַויי פְּרָקִים נַ"ךְ - הָאט מֶען הֶערְלִיכֶע הִתְחַזְּקוּת פַארְ'ן לֶעבְּן] דִי הַייליגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כה:) אוֹיף אִים: "יִפְתָּח בְּדוֹרוֹ כִּשְׁמוּאֵל בְּדוֹרוֹ", יִפְתָּח אִין זַיין דוֹר אִיז אַזוֹי ווי שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אִין זַיין דוֹר. יִפְתָּח אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יא, א): "וְהוּא בֶּן אִשָּׁה וְגוֹ'", דָאךְ זָאגְן חַזַ"ל אַז יִפְתָּח אִיז ווי שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, ווי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן אוּן חָשׁוּב? - נָאר יִפְתָּח הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', יֶעדֶע זַאךְ פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען. ווי מֶען זֶעט אִין דִי פְּסוּקִים; וָוען מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְנֶעמֶען עֶר זָאל וֶוערְן אַ הַאר אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיינֶע סְפֵיקוֹת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי עֶס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יא, יא): "וַיְדַבֵּר יִפְתָּח אֶת כָּל דְּבָרָיו לִפְנֵי ה' בַּמִּצְפָּה", יִפְתָּח הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָוען עֶר אִיז אַרוֹיס מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן דִי בְּנֵי עַמּוֹן הָאט עֶר ווידֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם פָּסוּק ל): "וַיִּדַּר יִפְתָּח נֶדֶר לַה'", - דָאס הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

## וָוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן שְׁטֵייסְטוּ אוֹיף?!

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן ווי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן דַארְף עֶר ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז זִיכֶער לְטוֹבָה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי גֶעטוֹן', וַוייל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - דָאס אִיז גוּט, ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", נָאר דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אִיז אַ מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל וָוען מֶען הָאט אַ צָרָה זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן בֶּעטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן 'פַארְוָואס גֵייט מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער וְכוּ'?' וַוייל מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

אַזוֹי ווי מֶען זֶעט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-ב, יב), וָוען זַיין זוּן אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעפַאסְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלֵייגְט אִין בֶּעט שְׁלָאפְן. עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן ווִיפִיל מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט עֶסְן מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶער, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין קִינְד, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז זַיין קִינְד נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן. וָוען דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאבְּן דִי בַּאדִינֶער מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט: 'מַה-דָאךְ וָוען דָאס קִינְד הָאט גֶעלֶעבְּט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוֶוען הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרֵייסְטְן, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין יֶעצְט וָוען עֶר וֶועט הֶערְן אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?!' וָוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען ווי זֵיי שׁוּשְׁקֶען זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט צִי דָאס קִינְד לֶעבְּט נָאךְ, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט זִיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעטוֹן זַיין זַאק אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין שְׁטִיל אוּן גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען עֶסְן.

זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מָה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָה?" וָואס גֵייט דָא פָּאר, "בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי, צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ, וְכַאֲשֶׁר מֵת הַיֶּלֶד, קַמְתָּ וַתֹּאכַל לָחֶם?" וָוען דַיין קִינְד אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט הָאסְטוּ גֶעפַאסְט אוּן גֶעווֵיינְט, אוּן יֶעצְט וָוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן שְׁטֵייסְטוּ אוֹיף פוּן דֶער עֶרְד אוּן דוּ עֶסְט אַ סְעוּדָה?! הָאט זֵיי דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַיֹּאמֶר: בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי, צַמְתִּי וָאֶבְכֶּה, כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ וְחַנַּנִי ה' וְחַי הַיָּלֶד, וְעַתָּה מֵת, לָמָּה זֶּה אֲנִי צָם הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ, עוֹד, אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו, וְהוּא לֹא יָשׁוּב אֵלָי'", וָוען מַיין קִינְד הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֶפְשַׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הֶעלְפְן, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, ווֵייס אִיךְ אַז עֶס אִיז אַ גְזֵירָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר.

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ווִילַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי צָרָה, דָאס קִינְד אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף אִים, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער יֶעצְט וָוען דָאס קִינְד לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ קֶען אִים שׁוֹין סַייווִי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ אַז ווי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט פַאר מִיר.

## נִישְׁט גֶענוּג אֵיין מָאל אַ יָאר

אַז מִיר וֶועלְן נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן אוֹיךְ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אִיבֶּערְהוֹיפְּט דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ גַּן עֵדֶן, מֶען קֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן אוֹיפְ'ן גַאס אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן דָא אַזַא שֵׁיינֶע

פְּלַאץ, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ שֶׁענֶערֶע גֶעגֶענְטֶער וואו צו וואוינֶען, אָבֶער דָאס שֵׁיינְקַייט פוּן דֶעם פְּלַאץ וָואס צוּלִיב דֶעם זֶענֶען מִיר אַהֶער גֶעקוּמֶען אִיז דֶער 'חִינוּךְ' וָואס מִיר הָאבְּן דָא; מִיר הָאבְּן דָא אַ מוֹסָד פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס מֶען רֶעדְט נָאר פוּן אֱמוּנָה, אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אוּן נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן פוּן יוּנְגְוַוייז אָן צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אֵיין מָאל אַ יָאר וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹבָבִי"ם צוּ רוּפְן אַ רֶעדְנֶער וָואס זָאל רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַ גַאנְץ יָאר רֶעדְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אוּנְזֶער סֵדֶר הַלִּימוּד אִין דִי מוֹסָד. אַוַודַאי לֶערְנְט מֶען דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ אוּן דִי אַלֶע לִימוּדִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר פוּן דִי מוֹסָד, דִי נְקוּדָה אוֹיף וָואס מֶען פַארְלֵייגְט זִיךְ בַּיי אוּנְז אִיז אֵיין זַאךְ: 'אֱמוּנָה', ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, פו): "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה", אַלֶע מִצְוֹת זֶענֶען גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן כְּדֵי מִיר זָאלְן צוּקוּמֶען צוּ 'אֱמוּנָה' אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָאס קַאפְּל פַּאלְט אַרָאפּ...

וָואס זֶעט מֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל? נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; הִימֶל, גְרָאז, בֵּיימֶער. וָואס זֶעט מֶען אִין שְׁטָאט? נָאר הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע בִּנְיָנִים; אִין שְׁטָאט וֶוערְט מֶען פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן צוּ וֶועם גֶעהֶערְט דֶעם בִּנְיָן', 'וֶוער אִיז דֶער עוֹשֶׁר מִיט אַזַא שֵׁיינֶע דִירָה', צוּ וֶועם גֶעהֶערְט דֶעם קָאמְפֶּעני', וְכוּ' וְכוּ', מֶען פַארְגֶעסְט אַרוֹיפְצוּקוּקְן אַבִּיסְל אוֹיפְ'ן הִימְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט דֶער וָואס רַייסְט זִיךְ אוֹיף קַיין גְּדֻלָּה, נָאר דֶער וָואס בּוֹיט זִיךְ אַ שֵׁיינֶע הוֹיז וְכַדוֹמֶה - וֶוערְט דֶער 'רַחְמָנוּת', דֶער 'נֶעבֶּעךְ' פוּן שְׁטֶעטְל, 'נֶעבֶּעךְ עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיט אַ שֵׁיינֶע הוֹיז', 'נֶעבֶּעךְ עֶר הָאט זִיךְ גֶעדִינְגֶען אַ טֵייעֶרֶע קַאר'.

אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם פוּן דִי תַּלְמִידִים: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעקוּקְט אוֹיפְן הִימְל?" דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרַיין גֶעטוּן אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר פִירְט דֶער וֶועלְט; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז אַלֶע, עֶר וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז: "קוּק אוֹיפְן הִימֶל; קוּק עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער", ווַייל אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְן הִימְל דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען רֶעדְט אַרוֹיס אַ דִיבּוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אִין מָאנְהֶעטְן זֶענֶען אַלֶע בִּנְיָנִים גָאר הוֹיךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט זֶען דִי הִימֶל, אַז מֶען ווִיל זִיךְ שׁוֹין אָנְשְׁטֶרֶענְגֶען עֶס צוּ זֶען פַאלְט דָאס קַאפְּל אַרָאפּ..."

## אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ

דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, סַיי דִי מְלַמְּדִים אוּן סַיי דִי עֶלְטֶערְן; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן 'דֶער מְלַמֵּד וֶועט עֶס שׁוֹין אַרַיין לֵייגְן אִינֶעם קִינְד', 'דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן עֶס שׁוֹין אַרַיין לֵייגְן אִינֶעם קִינְד'.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶעדֶעס קִינְד בִּפְרָטִיּוּת צִי עֶר הָאט שׁוֹין הַיינְט עֶפֶּעס גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ קִינְד: וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֵיין אַלֵיינְס אִין פֶעלְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַ זוּן וָואלְט אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אִים צוּ שִׁיקְן קְלֵיינְעְרְהֵייט אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט מֶען אַ כְּלִי אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ נָאךְ 'אֱמוּנָה', אַלֶע פְּחָדִים וֶועלְן אַוֶועק פַאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס.

אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרַ"ש אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ גְרוֹיסֶע חַיָּה, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דֶעם חַיָּה", דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְטוּן, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא אִין קֶעמְפּ, אַ תַּלְמִידָה פוּן 'בֵּית פֵיגָא' אִיז גֶעוֶוען צוּפְרִי אִין פֶעלְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן קֶעמְפּ, זִי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט זִי אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ, קוֹדֶם הָאט זִי גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז סְתָּם אַ שְׁוַוארְצֶע בֶּעג וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ פוּן דִי ווִינְט, זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בְּלוֹיז צְוַויי פִיס אַוֶועק פוּן דֶעם, פְּלוּצְלִינְג זֶעט זִי אַז דָאס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט קַיין שְׁוַוארְצֶע בֶּעג, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער בֶּער, דֶער בֶּער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי צְוַויי פִיס אוּן גֶעשְׁטַאנֶען אַנְטְקֶעגְן דִי מֵיידְל פָּנִים אֶל פָּנִים! דִי מֵיידְל הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דֶעם בֶּער, הֶעלְף מִיר עֶר זָאל מִיר גָארְנִישְׁט טוּן", זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּרִיק צוּ וֶועגְס בִּיז זִי אִיז אַרַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ.

אַזַא מַעֲשֶׂה פַּאסְט פַאר דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; אַ יוּנְג מֵיידְל פוּן צְוֶועלְף יָאר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען זִי שְׁטֵייט צְוַויי פִיס נֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע בֶּער. סְתָּם אַ קִינְד וָואלְט אַוֶועק גֶע'חַלֶשְׁ'ט אוֹיפְן פְּלַאץ, נִישְׁט נָאר אַ קִינְד נָאר אֲפִילוּ אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט אוֹיךְ צֶעטוּמְלְט גֶעוָוארְן פוּן שְׁרֶעק, אוּן זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן רוּאִיג אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִיר הֶעלְפְן; פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואס הִתְבּוֹדְדוּת טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, מֶען בַּאקוּמְט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען ווֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ צָרָה.

פוּן וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? פוּן אַ גוֹי?! וָואס קֶען עֶר דִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, דָאס שְׁרֶעק אַלֵיינְס גֶעבְּט כֹּחַ פַארְ'ן רָשָׁע עֶר זָאל דִיר קֶענֶען שֶׁעדִיגְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ סְגוּלָה נִצָּל צוּ וֶוערְן פוּן רְשָׁעִים אִיז נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן". חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְ'ן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רַבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רַבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וְוִיפִיל דוּ ווִילְסְט אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, ווַייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף, מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט.

המשך דעם קומענדיגן וואך, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף